# פּסח אין עק וועלט
# ה. לייוויק

איך בין געלאָפֿן פֿון סיביר. איך האָב שוין דורכגעמאַכט אַ פּירוואָביקע נסיעה מיט פֿערד און שליטן איבער דער לענג פֿון טײַך לענאַ. איך בין צוגעקומען צו אַ פּונקט ווו איך האָב מיטן גלאַטן אײַזוועג מער ניט געקענט פֿאָרן. שוין געווען סוף ווינטער. ערטערווײַז האָט דאָס אײַז איבערן טײַך אָנגעהויבן אַ ביסל נאָכצולאָזן, איבערצײַען זיך פֿון אויבן מיט וואַסער. דערצו האָב איך געהאַלטן שוין בײַם דערנענטערן זיך צו דער גרויסער שטאָט אירקוצק. אַ פּאָר וויאָרסט זײַנען נאָר פֿאַרבליבן פֿאַר מיר צו דערקלײַבן זיך אַהין, צום אירקוצקער וואָקזאַל, פֿון וואַנעט איך וואָלט געקענט פֿאָרן מיט דער באַן אין אייראָפּעיִשן רוסלאַנד.

זאָל איך ריזיקירן און זיך לאָזן גלײַך קיין אירקוצק? אָבער דאָרטן קען מען אויפֿן וואָקזאַל לײַכט אַרעסטירן. זאָל איך מאַכן אַן אומוועג דורך אַ לאַנגן, גרויסן וואַלד? דורכפֿאָרן דעם וואַלד דאַרף געדויערן אַרום זיבן מעת-לעת. אָבער אַז מע מאַכט דורך די שווערע נסיעה קומט מען צו אַ קלייניקער זײַטיקער באַן-סטאַנציע. דאָרטן קען מען מיט אַ סך ווייניקער געפֿאַר אַרויף אויף דער באַן.

איך האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן דורך אָט דעם וואַלד. אַ גוטע מעגלעכקייט איז מיר געקומען צו דער האַנט: אַ קאַראַוואַן פֿון פּויערישע פֿורמאַנעס וואָס ברענגען אָנלאָדונגען צום פּונקט בײַ דעם טײַך לענאַ ווו איך בין געווען, און פֿאָרן דערנאָך צוריק מיט ליידיקן דורך אָט דעם וואַלד. דער קאַראַוואַן וועט מיך ברענגען אין אַ דערפֿל, ניט ווײַט פֿון מײַן געגאַרטער באַן-סטאַנציע. איך האָב געזען אין דעם ממש אַ צייכן פֿון מזל. די פּויערים האָבן מיך גערן אויפֿגענומען פֿאַר אַ גאַנץ קליין געצאָלט. זיי האָבן מיך באַטראַכט ווי אַן אייגענעם מענטשן, ווי אַ סיבירער אײַנוווינער. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי זיי, סיביריש און ווינטערדיק.

זיי האָבן מיך געוואָרנט אַז איך זאָל זיך ריכטן אויף אַ שווערער רײַזע. די געפֿרוירענע ערד ווערט אַ ביסל אָפּגעגאַנגען בײַטאָג, אָבער דורך די נעכט ווערט זי ווידער פֿאַרפֿרוירן. איז דער וועג דורכן וואַלד שפּיציק-שטעכיק. די רעדער שפּרינגען, שלײַדערן זיך און טרייסלען אויס די נשמה. האָב איך צוגעגרייט מײַן פּעקל בײנער פֿאַר דער קומענדיקער טרייסלעניש.

די פּויערים האָבן דערמאָנט אַז באַלד קומט זייער פּאַסכע. האָבן זייערע רייד מיך דערמאָנט אַז אָט איז שוין פֿאַר-פּסח. בין איך צוריק אַרײַן אין דעם חשבון פֿון צײַט, אַ חשבון וואָס איך האָב אינגאַנצן פֿאַרלוירן במשך פֿון מײַן פֿאָרעניש. איך האָב אויסגערעכנט אַז כ'וועל אָנקומען אין דעם געגאַרטן דערפֿל די ערשטע טעג פֿון פּסח. עס האָט מיך דורכגענומען אַ געפֿיל פֿון פּסחדיקער בענקשאַפֿט. אַ בענקשאַפֿט וואָס איך האָב זי שוין פֿון יאָרן ניט געשפּירט אַזוי שאַרף, ווי איך האָב זי דערשפּירט אַרײַנפֿאָרנדיק מיטן פּויערישן קאַראַוואַן אין דער טיפֿעניש פֿון גרויסן וואַלד. עס האָט זיך געצויגן אַ שרעקלעכע נסיעה, נאָר יונגע כּוחות האָבן געקענט עס אויסהאַלטן.

מיר זײַנען אָנגעקומען אין געגאַרטן דערפֿל אַרום האַלבן טאָג. אין איינעם פֿון די פּויערישע שטיבלעך האָב איך אַ ביסל זיך אָפּגערוט. דערנאָך זיך אַרויסגעלאָזן אָנקוקן דאָס דערפֿל, כּדי אויסצוגעפֿינען ווי אַזוי צוצוקומען צו דער באַן-סטאַנציע, אַ פּאָר וויאָרסט פֿון דעם דערפֿל.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַ כמורנע-צפֿונדיקער. דאָ ס געסל פֿון דערפֿל איז געווען האַרט און טיף פֿאַרקאָוועט מיט אײַז. אַליין בין איך געווען פֿול מיט אומרו. ווער ווייס, צי מײַן אַרויפֿקומען אויף דער באַן, וואָס דאַרף דורכגיין ניט-ווײַט פֿון דאַנען אין מיטן נאַכט, וועט זיך מיר אײַנגעבן? מער וואָלט מיר ניט געפֿעלט — נאָך אַזוי פֿיל וואָכן וואָגלעניש, אַקוראַט בײַם דערגרייכטן באַן — פּונקט דורכפֿאַלן! מער וואָלט מיר ניט געפֿעלט!

און ווו קומט מען אַרײַן איבערצוטאָן זיך אין מײַן באַהאַלטענעם אייראָפּעיִשן אָנצוג, וואָס איך טראָג מיט זיך אײַנגעוויקלט אין פּעקל? ווען קען איך זיך אָנטרויען? איך קום צו צום עק דערפֿל. איך זע אָבער ניט קיין וועג. אַרום און אַרום שניי, אײַז און ליידיקייט. געפֿרוירענע פֿאַרטרויערטע ווײַטקייט — און קיין לעבעדיקער נפֿש.

איך קער זיך אום צוריק, שפּאַן ווידער איבערן דערפֿל. איך דערזע מיטאַמאָל אַ רוסיש שילד איבער אַ טיר פֿון אַ שטיבל: דאָס איז אַ קרעמל.

איך דערפֿריי זיך. אפֿשר וועל איך קענען דאָ עפּעס אײַנקויפֿן פֿאַר זיך.

איך גיי צו צו דער טיר, פּרווו עפֿענען. די טיר עפֿנט זיך ניט. זי איז פֿאַרשלאָסן. איך פּרווו אַ קלאַפּ טאָן. קיין ענטפֿער. קלאַפּ איך אָן אַ צווייט מאָל, קומט אַרויס אַ פֿרוי אין עלטער פֿון אַ יאָר 40, פֿרעגט אויף רוסיש וואָס איך דאַרף. ענטפֿער איך אַז איך וויל עפּעס קויפֿן. גיט די פֿרוי אַ זאָג:

- הײַנט פֿאַרקויפֿן מיר ניט. הײַנט איז אונדזער יידישער פּסח. און זי וויל פֿאַרמאַכן די טיר צוריק. זי זעט דאָך נישט ווי אין מיר האָט דאָס האַרץ אַ שפּרונג געטאָן. איך ענטפֿער אויף יידיש: — אויב אַזוי, לאָזט מיך אַוודאי אַרײַן. איך בין אויך אַ ייד, אַ דורכפֿאָרער, ניט אין קראָם צו אײַך לאָזט מיך אַרײַן, נאָר אין שטוב צו אײַך.

די פֿרוי האָט אויפֿגעלויכטן און אַ רוף געטאָן אויף יידיש: — דוד, דוד, מיר האָבן אַ גאַסט אויף פּסח, אַ ייד!

און גלײַך איז צוגעלאָפֿן איר מאַן צו דער טיר, — אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט אַ שוואַרץ בערדל.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן — האָט ער מיט נאָך אַ גרעסערער אויפֿגעלויכטנקייט רופֿן, — קומט אַרײַן! איר זײַט אַ טײַערער גאַסט. ווען זעען מיר אַ יידן אין די אויגן? קומט אַרײַן. עס איז דאָך פּסח.

אין די רייד האָט געקלונגען פֿרייד. פֿרייד ממש פֿון גליק, פֿון אומגעריכטן גליק.

און מיך האָט מיט אַזאַ וואַרעמקייט אַרומגענומען דאָס וואָרט ייד, אין אַזאַ עק, אין אַזאַ וועלט-פֿאַרוואָרפֿעניש, אין אַזאַ געפּרווירענער עלנטקייט.

פֿאַר מיר זײַנען געשטאַנען צוויי מענטשן וואָס איך דאַרף ניט וויסן ווער און וואָס זיי זײַנען. אויך זיי דאַרפֿן ניט וויסן ווער און וואָס איך בין. עס איז גענוג נאָר דאָס וואָס מיר זײַנען יידן, אַז סײַ דער מאַן און די פֿרוי, און סײַ איך זאָלן זיך דערפֿילן משפּחהדיק, באַהאַפֿטן מיט איין גורל. מײַן צוקומען צו זייער שטיבל איז אויפֿגענומען איבער מיך ווי אַן אמתער נס. איך בין געוואָרן אַזוי געפּלעפֿט פֿון דעם אומגעריכטן גליק, אַז איך האָב גאָרנישט געפֿילט ווי איך בין אַריבער די שוועל, איך האָב מיטאַמאָל זיך דערזען בײַ אַ טיש צווישן צוויי האַרציקע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ שׂימחה ווי איך וואָלט געווען זייערער אַ ניי-געפֿונענער זון אָדער אַ געקומענער ברודער.

דער טיש איז גלײַך אָנגעשטעלט געוואָרן מיט כּבֿוד, מיט ווײַן און מיט צובײַסן. מיר האָבן צוזאַמען געפּראַוועט אַ יום-טובֿדיקע, פּסחדיקע סעודה. פֿון די רייד פֿון דעם פֿאַרפֿאָלק האָב איך זיך דערוווּסט אַז זיי ווינען ווי פֿאַרשיקטע אין דעם דערפֿל שוין אַרום צען יאָר. קיין קינדער האָבן זיי ניט. פֿאַרוואָס מע האָט זיי פֿאַרשיקט האָבן זיי מיר ניט געזאָגט, און איך האָב נאַטירלעך ניט געפֿרעגט וועגן דאָס.

איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז זיי זײַנען ניט געווען קיין פּאָליטיש פֿאַרשיקטע. פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך דאָרטן געפֿילט פֿרײַ און היימיש און איך האָב דערציילט אַז איך דאַרף בײַנאַכט צוצוקומען צו דער באַן-סטאַנציע און איך דאַרף זיך איבערטאָן. איך בין געווען זיכער אַז ניט נאָר וועלן זיי מיר ניט טאָן קיין שלעכטס, נאָר זיי וועלן מיר מיט געטרײַשאַפֿט העלפֿן צוצוקומען צו דער סטאַנציע.

זיי האָבן מיט פֿרייד אויסגעדריקט זייער פֿאַרלאַנג צו באַגלייטן מיך צו דער סטאַנציע. מיט נאָך מער פֿרייד האָבן זיי מיך באַגריסט, ווען איך האָב זיך איבערגעטאָן אין מײַן אייראָפּעישע אָנצוג. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פֿון דעם ווי מײַן אויסזען האָט זיך געביטן. זיי האָבן מיך ניט געפֿרעגט קיין שום קשיות. זיי זײַנען געווען פֿול מיט שפּאַנונג וועגן מײַן ווײַטערדיקן גורל.

איך האָב פֿאַרבראַכט אין שטיבל בײַ זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך באמת גוט אויסגערוט. קיינער פֿון די פּויערים איז ניט אַרײַנגעקומען. אַלע האָבן געוווּסט אַז בײַ דעם איינציקן יידן אין דערפֿל איז פּסח, אַז דער ייד פּראַוועט דעם יום-טובֿ.

פֿאַר מיר איז די אָפּגעשלאָסנקייט געווען ווי געוווּנטשן. איך האָב דעם גאַנצן טאָג ניט געקענט זיך אָנזעטיקן מיט דער אויסטערלישקייט פֿון דעם טרעפֿן זיך. איך בין נאָך פֿול געווען מיטן געפֿיל: אין וואָס פֿאַר אַן עק אין דער וועלט דו זאָלסט ניט קומען — געפֿינסטו אַ ייד, און אין אַ יידנס אויגן מוזסטו דערזען דאָס ליכט פֿון דײַן מזל.

בײַנאַכט האָבן זיי מיך באַגלייט צום וואָקזאַל. דאָרטן שטעלט זיך אָפּ די באַן נאָר ווען דער איינציקער ווערכטער וואָס

פֿאַרקויפֿט אויך בילעטן גיט אַ סיגנאַל. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז עס וועט זײַן בעסער אויב זיי זאָלן מיך באַגלייטן נאָר ביז צו דעם קליינעם וואָקזאַל, אָבער אין וואָקזאַל גופֿא זאָל איך אַרײַנגיין אַליין.

איך האָב זיך געשיידט, געזעגנט זיך, אויפֿגענומען זייערע ברכות און זיי — מײַנע געדאַנקען.

ווען איך האָב געשפּרײַזט צום וואָקזאַל איז דער הימל געווען אויסגעשטערנט, די לופֿט ניט צו קאַלט. איך האָב געשפּאַנט און געטראַכט וועגן דעם מזל, וועגן דעם צונויפֿפֿאַל פֿון פּסח און ייִד גראָד אין דעם לעצטן טאָג אויף דער סיבירער פֿאַרוואָרפֿענער וועלט. און אַ געדאַנק איז ליכטיק מיר נאָכגעגאַנגען: אין וואָסער עק וועלט דו זאָלסט ניט קומען — טרעפֿסטו אַ ייִד! עס האָט זיך געשטאַרקט אין מיר די זיכערקייט אַז איצט וועל איך אַוודאי אויסמײַדן באַן-שפּיאָנען און אַז מײַן נסיעה וועט זיך ענדיקן מיט הצלחה — מיט פֿרײַהייט.